# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................**4:59**
מוצאי שב"ק.....................**6:31**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......................ירמיה י'-י"א
בבלי....................מועד קטן כ"ד
ירושלמי.............בבא קמא ט"ו
תוספתא.....................שבועות ד'
רמב"ם...........מחוסרי כפרה ה'

*פרשת תרומה, ד' אדר-א', שנת תשפ"ב לפ"ק* — *שנה 11, גליון 23 (538)*


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם,** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מְ'זָאל בּוֹיעֶן אַ מִשְׁכָּן און אַ בֵּית הַמִקְדָּשׁ, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רוּעֶן צְווִישְׁן דִי אִידְן.

הַיינְט הָאבְּן מִיר לֵיידֶער נִישְׁט קַיין מִשְׁכָּן און נִישְׁט קַיין בֵּית הַמִקְדָּשׁ, אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג, און דִי שְׁכִינָה רוּעֶט אַלֶעמָאל צְווִישְׁן אִידְן. אִין יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, וואו מְ'פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ און הֵיילִיג און מְ'גֵייט אוֹיף דִי וֶועגְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, רוּעֶט דָארְט דִי שְׁכִינָה, וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה י"ז.) **"אִישׁ וְאִשָּׁה זָכוּ, שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶם"**, אַ מַאן און וַוייבּ וָואס זֶענֶען זוֹכֶה, אִיז דִי שְׁכִינָה צְווִישְׁן זֵיי.

וֶוען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה רֶעכְנְט אוֹיס דִי כֵּלִים פוּנֶעם מִשְׁכָּן, הוֹיבְּט דִי תּוֹרָה אָן דִי עֶרְשְׁטֶע מִיטְ'ן אָרוֹן, דָאס אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער יְסוֹד פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, צוּ בּוֹיעֶן דִי שְׁטוּבּ לוֹיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ.

**דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַז אוֹיסֶער דִי שִׁיעוּרִים וָואס מְ'לֶערְנְט אִין שׁוּל, זָאל מֶען זִיךְ אוֹיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה אִינְדֶערְהֵיים.** וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט תּוֹרָה אִינְדֶערְהֵיים בַּאקוּמְט עֶר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע חֵן, זַיין וַוייבּ הוֹיבְּט אָן אִים אַרוֹיפְקוּקְן און מְכַבֵּד זַיין, זִי זֶעט אַז אִיר מַאן אִיז עֶרְלִיךְ און עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה. אֲפִילוּ זִי וֵוייסְט אַז אִיר מַאן לֶערְנְט אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אִיז אָבֶּער דָאס נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּע וִוי וֶוען זִי זֶעט עֶס מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן אִינְדֶערְהֵיים, און דָאס מַאכְט אַז סְ'זָאל וֶוערְן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת אִינְדֶערְהֵיים, מַאן און וַוייבּ זָאלְן לֶעבְּן בְּאַהֲבָה וְאַחְוָה שָׁלוֹם וְרֵעוּת.

אוֹיךְ אוֹיף דִי קִינְדֶער הָאט דָאס גָאר אַ שְׁטַארְקֶע אַיינְפְלוּס, זֵיי זֶעעֶן וִוי דֶער טַאטֶע לֶערְנְט תּוֹרָה, און זֵיי וֶועלְן דָאס אוֹיךְ וֶועלְן נָאכְמַאכְן, און דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶוערְט אַן אַטְמָאסְפֶער פוּן תּוֹרָה, עֶס הֶערְשְׁט דָארְט אַ גֶעשְׁמַאק און אַ לִיבְּשַׁאפְט, אַז סְ'אִיז אַ מְחַיֶ' זִיךְ צוּ גֶעפוּנֶען דָארְט, סְ'וֶוערְט אַ מִשְׁכָּן פַאר דִי הֵיילִיגֶע שְׁכִינָה.

אוֹיפְ'ן אָרוֹן זֶענֶען גֶעוֶוען דִי צְוֵויי כְּרוּבִים, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא נ"ד) אַז וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, הָאבְּן דִי כְּרוּבִים אוֹיסְגֶעזֶען וִוי זֵיי הָאבְּן זִיךְ לִיבּ. וֶוען מְ'בְּרֶענְגְט אַרַיין תּוֹרָה אִין שְׁטוּבּ, אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט און בַּא'טַעַמְ'קֵייט אִין הוֹיז.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מְ'אִיז זוֹכֶה חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן יוּנְגֶערְהֵייט, וֶוען דֶער מֹחַ אִיז נָאךְ רֵיין און הֵיילִיג, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ. וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת ק"י.) **"הַלוֹמֵד תּוֹרָה בְּטָהֳרָה, נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְאַחַר כַּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה"**. דֶערְפַאר הָאבְּן דִי כְּרוּבִים גֶעהַאט אַ פָּנִים וִוי אַ קִינְד (רַשִׁ"י שְׁמוֹת כ"ה, י"ח), צוּ וַוייזְן אַז מְ'דַארְף חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט, און אַזוֹי וֶועט דִי שְׁכִינָה זִיכֶער רוּעֶן אִין אַזַא הֵיילִיגֶע און לוֹיטֶערֶע הוֹיז.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין י"ח:), **אַ הוֹיז וואו מְ'הֶערְט דָארְט לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּיינַאכְט, וֶועט דָאס הוֹיז נִישְׁט חָרוּב וֶוערְן.** בַּיינַאכְט קֶען אוֹיךְ מֵיינֶען וֶוען סְ'אִיז שְׁוֶוער און גֶעדְרוּקְט, און פוּן דֶעסְט וֶועגְן שְׁטְרֶענְגְט מֶען זִיךְ אָן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אִינְדֶערְהֵיים; אֲפִילוּ וֶוען סְ'גֵייט שְׁוֶוער פַאר אַ מֶענְטְשׁ, לָאזְט עֶר נִישְׁט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דַאן וֶועט אַזַא הוֹיז נִישְׁט חָרוּב וֶוערְן. פַארְקֶערְט, דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן אִין דֶעם הוֹיז, יֶעדֶער וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ און צוּפְרִידְן, און סְ'וֶועט זַיין דָארְט נָאר גוּט און גֶעשְׁמַאק בְּרוּחָנִיוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ לְפָרָשַׁת תְּרוּמָה)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### מְלַוֶה מַלְכָּה

אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי צְווִילִינְג בְּרִידֶער, זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אִינְאֵיינֶעם, און אִיבֶּערָאל הָאט מֶען זֵיי גֶעזֶען גֵיין צוּזַאמֶען. אוֹיךְ שְׁפֶּעטֶער, וֶוען זֵיי זֶענֶען אוֹיפְגֶעוָואקְסְן און חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאבְּן זֵיי זִיךְ נָאכְאַלְץ גֶעהַאלְטְן צוּזַאמֶען, זֵיי הָאבְּן אֵייבִּיג גֶעמַאכְט גֶעשֶׁעפְטְן אִינְאֵיינֶעם.

זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אֵיין מִצְוָה וָואס זֵיי הָאבְּן מְקַיֵים גֶעוֶוען צוּזַאמֶען מִיט גְרוֹיס הִידוּר, דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן מְלַוֶה מַלְכָּה. יֶעדְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעוַואשְׁן אִינְאֵיינֶעם און אָפְּגֶעפְרָאכְטְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, פִישׁ, זוּפּ, און פְלֵיישׁ, מַמָשׁ וִוי אַ שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה, און זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם דִי זְמִירוֹת פוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת. אַזוֹי הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהַאלְטְן זֵייעֶר גוּטֶער מִנְהָג פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט. יֶעדֶע וָואךְ פְלֶעגְן זֵיי פָארְן הַאנְדְלֶען און מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, און זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

וַיְהִי הַיוֹם, אֵיין טָאג הָאט מֶען זֵיי אָנְגֶעטְרָאגְן אַ גֶעווִיסֶע גוּטֶע גֶעשֶׁעפְט אִין אַ וַוייטֶע שְׁטָאט, און זֵיי הָאבְּן בַּאשְׁלָאסְן זִיךְ אַרוֹיסְצוּלָאזְן אַהִין גְלַייךְ אוֹם מוֹצָאֵי שַׁבָּת. זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְגֶען אַ בַּעַל עֲגָלָה מִיט פֶערְד וָואס זָאל זֵיי אָפְּוַוארְטְן און אַהִינְטְרָאגְן גְלַייךְ נָאכְ'ן זְמַן, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט פָארְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען אוֹיף זוּנְטָאג צוּ יֶענֶעם

<<<<<<

## א גוט ווארט

"רִיפָּארְט קַארְדְס" קֶען אַמָאל צֶעקְלַאפְּן דֶעם קִינְד אוֹיף זַיין גַאנְץ לֶעבְּן; אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען לֵייגְט אַרָאפּ דֶעם קִינְד אַלְס אַ שְׁלֶעכְט קִינְד הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ, קֶען דָאס שְׁטֶערְן פַארְ'ן גַאנְצְן לֶעבְּן. בַּיי אוּנְז אִין דִי מוֹסְדוֹת מַאכְן מִיר מִיט חָכְמָה; מֶען טֵיילְט אוֹיס "רִיפָּארְט קַארְדְס", אָבֶּער מֶען קֶען נָאר שְׁרַייבְּן גוּטְס. דִי אָפִּיס מַאכְט זִיכֶער אַז יֶעדֶע קִינְד בַּאקוּמְט אַ "רִיפָּארְט קַארְד" וָואס אִיז גוּט, וָואס לוֹיבְּט אוֹיס דֶעם קִינְד.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מֶען שְׁרַייבְּט נָאר אֱמֶת, מֶען שְׁרַייבְּט נִישְׁט לִיגְנְט; מֶען זוּכְט אוֹיף אִין יֶעדְן קִינְד אַ נְקוּדָה וָואס אִין דֶעם פְּרַט טוּט זִיךְ דָאס קִינְד אוֹיסְצֵייכֶענֶען.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן מִיט דַיין כִּיתָּה; מַאךְ פַאר יֶעדְן קִינְד אַ שֵׁיינֶע "רִיפָּארְט קַארְד", שְׁרַייבּ שֵׁיינֶע הַארְצִיגֶע וֶוערְטֶער; וֶוען דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן אַהֵיים קוּמֶען, זֵיי וֶועלְן לֵיינֶען דִי שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיפְ'ן קִינְד, זֵיי וֶועלְן אוֹיסְלוֹיבְּן דָאס קִינְד, אוֹיפְהֵייבְּן, אוֹיפְבּוֹיעֶן - וֶועט דָאס קִינְד בְּלִיעֶן און וַואקְסְן שֶׁענֶער און בֶּעסֶער.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִשְׁפָּטִים תשפ"ב)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# שְׁלָאף אוּן עֶס, נָאר הִיט דִי צַייט

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיפְשְׁטֵיין וְכוּ׳; עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס דַארְפְן מֶער שְׁלָאף, צֶעבְּרֶעךְ זִיךְ נִישְׁט מִיט דֶעם. בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד ר׳ בֶּער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פוּן מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ זֵייעֶר מוּטְשֶׁען אוֹיפְצוּשְׁטֵיין חֲצוֹת, יֶעדֶע נַאכְט אִיז עֶר פַארְשְׁלָאפְן - יֶעדֶעס מָאל מִיט אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים, אָבֶּער עֶס פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר וֵויי טוּן אַז עֶר פַארְשְׁלָאפְט דַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן.

עֶר אִיז אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ פְּלַאן, עֶר הָאט גֶעדִינְגֶען אַ גוֹי זָאל אִים קוּמֶען אוֹיפְוֶועקְן יֶעדֶע נַאכְט בַּיי חֲצוֹת, דֶער גוֹי פְלֶעגְט קוּמֶען צְוֶועלְף אַזֵייגֶער קְלַאפְּן אוֹיף זַיין פֶענְסְטֶער, עֶר הָאט גֶעקְלַאפְּט אוּן גֶעקְלַאפְּט בִּיז ר׳ בֶּער אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוַואכֶער כַּארַאקְטֶער, פְלֶעגְט עֶר נָאךְ זַיין זֵייעֶר מִיד, נָאכְדֶעם וָואס דֶער גוֹי הָאט אִים אוֹיפְגֶעוֶועקְט הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ ׳אִיךְ לֵייג זִיךְ צוּרִיק נָאר פַאר אַפָּאר מִינוּט׳; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁלָאפְן בִּיזְן טָאג אַרַיין, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען נַאכְט נָאךְ נַאכְט. וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דִי עֵצָה הֶעלְפְּט נִישְׁט אוּן עֶר פַארְשְׁלָאפְט יֶעדֶע נַאכְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַ צְוֵוייטֶע עֵצָה, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם גוֹי עֶר זָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן זַיין שְׁטוּבּ בִּיז עֶר קוּמְט אַרוֹיס. פוּן דֶעמָאלְט אוּן וַוייטֶער, וֶוען דֶער גוֹי אִיז גֶעקוּמֶען קְלַאפְּן אִים אוֹיפְצוּוֶועקְן אוּן ר׳ בֶּער הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף אוּן עֶר קֶען שׁוֹין אַהֵיים גֵיין, הָאט אִים דֶער גוֹי גֶעזָאגְט: ״אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק בִּיז דוּ טוּסְט זִיךְ אָן דַיינֶע קְלֵיידֶער אוּן דוּ קוּמְסְט אַרוֹיס - אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט״; פְלֶעגְט ר׳ בֶּער טַאקֶע אוֹיפְשְׁטֵיין וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה, דֶער גוֹי אִיז נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָארְט בִּיז וִוילַאנְג עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, אָבֶּער עֶר פְלֶעגְט הָאבְּן שְׁרֶעקְלִיכֶע קָאפּ וֵוייטָאג, בִּיז עֶר אִיז שִׁיעוּר מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן.

וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן אַז עֶר אִיז זֵייעֶר מִיד וְכוּ׳, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״שְׁלָאף אוּן עֶס, נָאר הִיט דִי צַייט״, שְׁפֶּעטֶער הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״דַיין חֲצוֹת וֶועט זַיין דְרַיי אַזֵייגֶער״.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן; אֵיינֶער דַארְף שְׁלָאפְן מֶער אוּן אֵיינֶער קֶען שְׁלָאפְן וֵויינִיגֶער. פַארְגֶעס נִישְׁט, דֶעמָאלְט אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן פְרִי, נִישְׁט אַזוֹי וִוי הַיינְטִיגֶע טֶעג וָואס מֶען בְּלַייבְּט אוֹיף בִּיז שְׁפֶּעט.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט וָואס דוּ בִּיסְט יָא אוֹיף; שְׁלָאף וִויפִיל דוּ דַארְפְסְט אוּן עֶס וִויפִיל דוּ דַארְפְסְט, הָעִיקָר וֶוען דוּ בִּיסְט אוֹיף זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַסִּיחַ דַעַת זַיין פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט לֶערְנֶען אָדֶער דַאוֶונֶען אָדֶער טוּן מִצְוֹת אוּן גְמִילוּת חֲסָדִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּרוּמָה תשפ״ב)



וַוייטְן שְׁטָאט.

גְלַייךְ אוּם מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאבְּן זֵיי אַיינְגֶעפַּאקְט דִי חַלוֹת, פִישׁ, זוּפּ, אוּן פְלֵייש, פַאר מְלַוֶה מַלְכָּה, אוּן הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף דִי לַאנְגֶע רֵייזֶע. גֶעוֶוען אִיז דָאס אִינְמִיטְן דִי וִוינְטֶער, זֵיי זֶענֶען דוּרְכְגֶעפָארְן אַ גֶעדִיכְטֶע וַואלְד, אוּן זַייעֶנְדִיג טִיף אַרַיין אִין וַואלְד הָאט זִיךְ פְּלוּצְלִינְג אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁוֶוערֶע שְׁנֵיי, ווִילְדֶע וִוינְטְן הָאבְּן גֶעבּוּזְשֶׁעוֶועט, דִי שְׁנֵיי אִיז גֶעוָוארְן אַלְץ דִיקֶער אוּן הֶעכֶער, בִּיז וֶוען דִי פֶערְד הָאבְּן מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין וַוייטֶער אִין דִי טִיפֶע שְׁנֵייעֶן. דֶער קוּטְשֶׁער הָאט גֶעשְׁמִיסְן דִי פֶערְד מִיטְ׳ן בַּייטְשׁ אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, עֶס הָאט אָבֶּער גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, דִי פֶערְד הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן נִישְׁט גֶעהַאלְטְן בַּיים גֵיין וַוייטֶער אֲפִילוּ נָאךְ אֵיין טְרִיט.

פוּנְדֶערְוַוייטְנְס הָאבְּן דִי בְּרִידֶער בַּאמֶערְקְט אַ לִיכְטְל וָואס שַׁיינְט אַרוֹיס פוּן אַ הוֹיז, הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן צוּזַאמְצוּנֶעמֶען זֵייעֶרֶע זַאכְן אוּן גֵיין צוּפִיס צוּם רִיכְטוּנְג פוּן יֶענֶעם הוֹיז. זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶע׳חָלוֹמְ׳ט אִין וָואסֶערֶע פַּאסְטְקֶע זֵיי שְׁפַּאצִירְן אַרַיין, אָנְקוּמֶענְדִיג צוּ דֶעם הוֹיז זֶענֶען זֵיי עֶנְטְפַּאנְגֶען גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי גוֹיִם וָואס הָאבְּן דָארְט גֶעוואוֹינְט, דִי גוֹיִם הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אוֹיף דִי צְוֵויי אִידְן וָואס הָאט אַרַיינְגֶעוַואנְדֶערְט אִין זֵייעֶרֶע בְּלוּטִיגֶע הֶענְט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ הַרְגְ׳עֶנֶען דִי אִידְן אוּן רוֹיבְּן זֵייעֶר פַארְמֶעגְן, אוּן דֶערְוַוייל הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁפַּארְט דִי אִידְן אִין אַ זַייטִיגֶע צִימֶער.

דִי בְּרִידֶער הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן צְוִוישְׁן זִיךְ, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מְפַשְׁפֵּשׁ זַיין אִין זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים, פַארְוָואס עֶס קוּמְט זֵיי אַזַא שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאף, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אַן אָב הָרַחֲמָן, עֶס הָאט זִיכֶער אַ טִיפֶע כַּוָונָה פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען דָא פַארְבְּלָאנְדְזֶשֶׁעט גֶעוָוארְן אוּן אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּן דִי רוֹצְחִים וָואס וִוילְן זֵיי אוּמְבְּרֶענְגֶען, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אִינְצְוִוישְׁן הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעגֶעסְן מְלַוֶה מַלְכָּה, אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן הוֹיךְ צוּ קְלֶערְן, ״אֶפְשָׁר קוּמְט דָאס אוּנְז וַוייל מִיר זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָארְן אֵיידֶער מִיר הָאבְּן גֶעגֶעסְן מְלַוֶה מַלְכָּה? מִיר זֶענֶען דָאךְ אַזוֹי שְׁטַארְק מַקְפִּיד יֶעדֶע וָואךְ צוּ עֶסְן מְלַוֶה מַלְכָּה, אֵיידֶער מִיר טוּעֶן סַיי וָואס״. אוּן אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ גֶעהַאט, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, ״וֵוייסְטוּ וָואס, טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מֶען גֵייט אוּנְז דָאךְ הַרְגְ׳עֶנֶען, אוּן מִיר הָאבְּן דָאךְ מִיט אוּנְז דָאס עֶסְן, דִי חַלוֹת, פִישׁ, זוּפּ, אוּן פְלֵייש; לָאמִיר זִיךְ דָא וַואשְׁן אוּן כָאטְשׁ אַרַיינְכַאפְּן מְקַיֵים צוּ זַיין דִי מִצְוָה פוּן מְלַוֶה מַלְכָּה אֵיידֶער מִיר גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט״.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פַּאס וַואסֶער דָארְט אִין צִימֶער, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גְלַייךְ גֶעוַואשְׁן, גֶעמַאכְט אַן הַמּוֹצִיא אוֹיף דִי חַלוֹת, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶסְן מְלַוֶה מַלְכָּה פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אוּן זֵיי הָאבְּן אֲפִילוּ גֶעזִינְגֶען דִי זְמִירוֹת פוּן מְלַוֶה מַלְכָּה, אַזוֹי וִוי גָארְנִישְׁט וָואלְט פַּאסִירְט.

אִינְמִיטְן זִינְגֶען עֶפְנְט זִיךְ דִי טִיר, עֶס וֶוערְט אַרַיינְגֶעשְׁלֵיידֶערְט נָאךְ אַ אִיד, אוּן דִי טִיר וֶוערְט גְלַייךְ צוּרִיק פַארְשְׁלָאסְן. דֶער אִיד הָאט גֶעזֶען וִוי צְוֵויי אִידְן זִיצְן דָארְט אוּן עֶסְן אוּן זִינְגֶען, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיךְ צוּגֶעשְׁטֶעלְט צוּ זֵיי.

פוּן אִינְדְרוֹיסְן הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעהֶערְט אַ גְרוֹיסֶע גֶערוּדֶער פוּן דִי גוֹיִם וָואס הָאבְּן גֶעזִינְגֶען אוּן פַארְבְּרֶענְגְט דָארְט אִין הוֹיז מִיט גְרוֹיס הוֹלְלוּת, אָבֶּער פְּלוּצְלִינְג אִיז שְׁטִיל גֶעוָוארְן. הָאט דֶער דְרִיטֶער אִיד זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, ״הָאט נִישְׁט מוֹרָא, אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע וַויין, אוּן מִסְתָּמָא הָאבְּן זִיךְ אַלֶע גוֹיִם אָנְגֶע׳שִׁיכּוֹרְ׳ט דֶערְמִיט. לָאמִיר פְּרוּבִּירְן צוּ עֶפֶענֶען דִי טִיר, אֶפְשָׁר וֶועלְן מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דָא״.

זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי טִיר, אוּן גֶעזֶען וִוי דִי גוֹיִם וַואלְגֶערְן זִיךְ דָארְט שִׁיכּוֹר אוֹיף דֶער עֶרְד, זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט בַּאמֶערְקְט וִוי דִי אִידְן זֶענֶען אַנְטְלָאפְן פוּן דָארְט. דֶער דְרִיטֶער אִיד הָאט זֵיי אַרוֹיפְגֶערוּפְן אוֹיף זַיין וָואגְן, אוּן הָאט זֵיי שְׁנֶעל אַרוֹיסְגֶעפִירְט פוּן יֶענֶעם גֶעגְנְט אוּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין שְׁטָאט, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז דֶער אִיד פַארְשְׁוִוינְדְן גֶעוָוארְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער דָאס אִיז גֶעוֶוען. וֶוען דִי זוּן הָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט, זֶענֶען דִי בְּרִידֶער וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען מִיט זֵייעֶרֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

יֶענֶע נַאכְט, וֶוען זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן, הָאבְּן בֵּיידֶע בְּרִידֶער גֶע׳חָלוֹמְ׳ט דֶעם זֶעלְבְּן חָלוֹם. זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם אִיד וָואס הָאט זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט, אוּן דֶער אִיד הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, ״אִיךְ בִּין דָוִד הַמֶּלֶךְ, מֶען הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט פוּן הִימְל אַייךְ צוּ רַאטֶעוֶוען, וַוייל אִיר זֶענְט נִזְהָר צוּ עֶסְן יֶעדֶע וָואךְ מְלַוֶה מַלְכָּה. אִיךְ וָוארְן אַייךְ אָבֶּער אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְט אִיר נִישְׁט פָארְן אִין עֶרְגֶעץ אֵיידֶער אִיר וַואשְׁט זִיךְ אוּן עֶסְט מְלַוֶה מַלְכָּה״.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן סְעוּדָה מְלַוֶה מַלְכָּה. בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, וַוייל אַזוֹי הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן פוּן רֶבִּי נָתָן, אַז מֶען זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן סְעוּדַת מְלַוֶה מַלְכָּה.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יְשַׁעְיָ׳לֶע קֶערֶעסְטִירֶער זי״ע, אִיז גֶעוֶוען אַ יָתוֹם אַלְס קִינְד, זַיין מַאמֶע הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט הַאלְטְן אוּן אַלֵיין אוֹיפְצִיעֶן, דֶערִיבֶּער הָאט זִי אִים גֶעשִׁיקְט צוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִלִּיסְקָא זי״ע, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ הֵיילִיגֶער צַדִּיק אוּן בַּעַל רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, אוּן דָארְט הָאט רֶבִּי יְשַׁעְיָ׳לֶע בַּאדִינְט דֶעם צַדִּיק, עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוָואקְסְן בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים, אוּן עֶר אִיז אַלְץ מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים.

אִין זַיין יוּגְנְט הָאט רֶבִּי יְשַׁעְיָ׳לֶע זי״ע זִיךְ גֶענוּמֶען אַ מִצְוָה אִין וָואס עֶר אִיז זֵייעֶר נִזְהָר גֶעוֶוען, דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן עֶסְן מְלַוֶה מַלְכָּה. אוּן אִין דֶעם זְכוּת אִיז עֶר גֶעוואקְסְן גָאר גְרוֹיס, אַזוֹי וַוייט אַז וֶוען זַיין רֶבִּי, הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִלִּיסְקָא זי״ע, אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן, הָאבְּן פִילֶע אִידְן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁטְרָאמֶען צוּ אִים, אוּן עֶר הָאט גֶע׳פּוֹעֶלְ׳ט פַאר זֵיי פִילֶע יְשׁוּעוֹת, מֶען הָאט גֶעזֶען בַּיי אִים אַסַאךְ נִיסִים וְנִפְלָאוֹת, עֲקָרוֹת זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, קְרַאנְקֶע זֶענֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן, אוּן נָאךְ פִילֶע אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים; אוּן אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין זְכוּת פוּן דִי מִצְוָה פוּן מְלַוֶה מַלְכָּה.

הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי יְשַׁעְיָ׳לֶע זי״ע פְלֶעגְט יֶעדְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת רוּפְן אַ שׁוֹחֵט צוּ שֶׁחְטְ׳ן אַסַאךְ עוֹפוֹת, מֶען הָאט זֵיי כָּשֵׁר גֶעמַאכְט אוּן אָפְּגֶעקָאכְט לִכְבוֹד מְלַוֶה מַלְכָּה, אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעבְּרֶענְגְט אַסַאךְ פִישׁ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע פֵיינֶע מַאֲכָלִים; עֶס הָאט אִים גֶענוּמֶען לַאנְגֶע שָׁעוֹת צוּצוּגְרֵייטְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדַת מְלַוֶה מַלְכָּה.

צוּם מְלַוֶה מַלְכָּה הָאט עֶר גֶעלַאדֶענְט הוּנְדֶערְטֶער אָרֶעמֶעלַייט אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן. עֶר פְלֶעגְט אַלֵיין אַרוּמְגֵיין בַּאדִינֶען דִי אָרֶעמֶעלַייט, גֶעגֶעבְּן פַאר אִידְן פְרִישֶׁע חַלוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעבַּאקְן סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי סְעוּדָה, זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז יֶעדֶער הָאט פִישׁ, זוּפּ, אוּן

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

פְלֵייש, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

עֶר הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל אַלֶעס בַּאקְן, קָאכְן, אוּן צוּגְרֵייטְן, דַוְקָא אוּם מוֹצָאֵי שַׁבָּת, אַז אַלֶעס זָאל זַיין פְרִיש אוּן גֶעשְׁמַאק. דִי מִצְוָה פוּן מְלַוֶה מַלְכָּה אִיז גֶעוֶוען זַיין בַּאלִיבְּסְטֶע מִצְוָה, אוּן מִיט דֶעם זְכוּת הָאט עֶר גֶע'פּוֹעֶל'ט נִיסִים וְנִפְלָאוֹת פַאר פִּילֶע דֶערְבִּיטֶערְטֶע אוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע אִידְן, מֶען הָאט גֶעזֶען בַּיי אִים פִּילֶע גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים.

אוֹיבּ וֶועלְן מִיר אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה, וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש, חֵלֶק יב, עֶרֶךְ מְלַוֶה מַלְכָּה)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (קל)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן גֵייט צוּם רֶבִּי'ן, אֵיידֶער עֶר פָּארְט קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב קוֹיפְן סְחוֹרָה.**

**תפא**

אָנְקוּמֶענְדִיג צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ פַאר'ן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרֵייסְטְן אוּן שְׁטַארְקְן אַזוֹי וִוי אֵייבִּיג. אוּן אַזוֹי שְׁמוּעֶסְנְדִיג אִיז עֶר אַרוֹיס מִיט אִים אוֹיפְ'ן גַאס, אוּן עֶר הָאט שְׁפַּאצִירְט אוּן גֶערֶעדְט מִיט רֶבִּי נָתָן, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בַּארְג וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אַרִיבֶּער דֶעם טַייךְ וָואס אִיז גֶעלָאפְן נֶעבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס הוֹיז.

דֶער רֶבִּי אִיז דַאן אַרַיין מִיט אִים אִין אַ לֶענְגֶערֶע שְׁמוּעֶס, עֶר הָאט אִים דֶעמָאלְט מְגַלֶה גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נ"ב) אִיבֶּער דִי אֶפִּיקוֹרְסִים וָואס זָאגְן אַז דִי וֶועלְט אִיז אַ "מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת", חַס וְשָׁלוֹם, דָאס הֵייסְט אַז דִי וֶועלְט הָאט גֶעמוּזְט בַּאשַׁאפְן וֶוערְן, אוּן לוֹיט זֵייעֶרֶע נַארִישֶׁע דֵיעוֹת הָאבְּן זֵיי אוֹיף דֶעם רְאָיוֹת אוּן בַּאוַוייזְן, וָואס דָאס אִיז זִיכֶער זֵייעֶר נַארִישׁ אַזוֹי צוּ זָאגְן, דֶער אֶמֶת אִיז דָאךְ אַז דִי וֶועלְט אִיז אַן "אֶפְשָׁרִי הַמְּצִיאוּת", נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אִיז אַ "מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת", עֶר אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען, עֶר אִיז יֶעצְט, אוּן עֶר וֶועט אֵייבִּיג זַיין, "הָיָה הוֹוֶה וְיִהְיֶה", אָבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט אַלֶע עוֹלָמוֹת אַרוּם, הָאבְּן נִישְׁט גֶעמוּזְט בַּאשַׁאפְן וֶוערְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶעוָוענְדְן אִינֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ עֶר וִויל זֵיי יָא בַּאשַׁאפְן אָדֶער נִישְׁט.

אָבֶּער פוּן וואוּ נֶעמְט זִיךְ דֶער נַארִישֶׁער טָעוּת? נָאר חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א', א') דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נָאר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פַאר דִי אִידְן, קוּמְט אוֹיס אַז וִוי נָאר דִי נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, אִיז שׁוֹין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גֶעוָוארְן אַ מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת, וַוייל מֶען דַארְף עֶס דָאךְ הָאבְּן פַאר דִי אִידְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעמוּזְט בַּאשַׁאפְן דִי נְשָׁמוֹת פוּן דִי אִידְן, אָבֶּער וִוי נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשְׁלָאסְן צוּ בַּאשַׁאפְן דִי אִידְן, הָאט עֶר שׁוֹין גֶעמוּזְט כִּבְיָכוֹל בַּאשַׁאפְן פַאר זֵיי דִי וֶועלְט, וַוייל אַלֶע וֶועלְטְן זֶענֶען דָאךְ אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. פוּן דֶעם הָאט זִיךְ גֶעשַׁאפְן דֶער נַארִישֶׁער טָעוּת אַז דֶער וֶועלְט אִיז אַ מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת, דֶער אֶמֶת אִיז אָבֶּער אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אִיז אַ מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נָאר אַן אֶפְשָׁרִי הַמְּצִיאוּת.

דֶער עִיקָר צִיל פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט פַאר דִי אִידְן, אִיז דָאךְ אַז דִי אִידְן זָאלְן טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי נִכְלָל וֶוערְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז דֶער מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת, זֵיי וֶועלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם שׁוֹרֶשׁ פוּן דִי וֶועלְט וָואס אִיז נָאר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פַאר זֵיי. קוּמְט אוֹיס אַז וִוי מֶער אַ אִיד טוּט זַיין פְלִיכְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר טוּט מֶער דֶעם רָצוֹן ה', וֶוערְט עֶר נֶענְטֶער צוּם שׁוֹרֶשׁ, אוּן עֶר וֶוערְט נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז דֶער מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת.

כְּדֵי זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ דֶעם, דַארְף מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל גָארְנִישְׁט וֶועלְן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, עֶר אַלֵיין אִיז בָּטֵל וּמְבוּטָל, עֶס אִיז נָאר דָא דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אוּן נָאר זַיין רָצוֹן וִויל עֶר טוּן.

צוּצוּקוּמֶען צוּ אַזַא שְׁטַארְקֶע בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען מֶען נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת, דוּרְכְ'ן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן פְּרִיוַואט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה מְבַטֵל צוּ זַיין אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, בִּיז מֶען אִיז מְבַטֵל דֶעם גַאנְצְן אֵייגֶענֶעם גַשְׁמִיוּת, אוּן מֶען וֶוערְט אֵיינְס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# מַיין שְׁטוּבּ וָואלְט חָרוּב גֶעגַאנְגֶען, וֶוען נִישְׁט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן



*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט מִיר אַ נֵס אַז אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

אִיךְ בִּין אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען, אוּן אִיךְ זֶע אַז דֶער שַׁבָּת טִישׁ אִיז אַ בַּאלַאגַאן, נָאךְ פוּל מִיט מוּקְצֶה זַאכְן, דִי בֶּענְקְלֶעךְ זֶענֶען נָאךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוֹיפְ'ן טִישׁ פוּן אוֹיפְוַואשְׁן דִי עֶרְד פְרִיעֶר, אוּן מַיין וַוייבּ שְׁלָאפְט נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע וָואךְ אַרְבֶּעט.

אִיךְ טְרַאכְט צוּ זִיךְ וָואס אִיךְ וָואלְט גֶעטוּן אִין אַזַא צַייט, וֶוען אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין מְקוֹרָב צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, עֶס וָואלְט גֶעגַאנְגֶען אַ רוֹיךְ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר, אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶער שַׁבָּת אֲפִילוּ דִי הוֹיז זֶעט אַזוֹי הוֹיז, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' מְסַדֵר גֶעוֶוען אוּן צוּגֶעגְרֵייט דֶעם שַׁבָּת טִישׁ, אוּן מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ פְרֵיילִיכֶע סְעוּדָה.

דִי זֶעלְבֶּע הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, אִיךְ קוּם אָן אַהֵיים, אוּן אַלֶעס לִיגְט נָאךְ פוּנְקְט אַזוֹי וִוי מְ'הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעלָאזְט נֶעכְטְן נַאכְט נָאךְ דִי סְעוּדָה, וֶוען מֶען אִיז גֶעוֶוען מִיד אוּן מְ'אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן אָן אָפְּרוּימֶען דֶעם טִישׁ. יֶעצְט הַאלְט אִיךְ נָאךְ פַאר'ן קִידוּשׁ מַאכְן, מַיין וַוייבּ הָאט שׁוֹין קִידוּשׁ גֶעמַאכְט פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע פוּלֶע וָואךְ מִיט דִי קִינְדֶער, וֶוען יֶעדֶע נַאכְט טֵיילְן זִיךְ דִי קִינְדֶער אַיין, יֶעדֶע שָׁעָה וֵויינְט אַ צְוֵוייטֶער אוּן וֶועקְט אוּנְז אוֹיף, אוּן אִיךְ הַאלְט יֶעצְט אֵיינְס אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג, נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעגֶעסְן הַיינְט, אוּן אִיךְ בֶּעט ווִידֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס, אִיךְ זָאל זִיךְ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ, אוּן בָּרוּךְ ה' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן, אוּם דְרֵיי אַזֵייגֶער הָאבְּן מִיר גֶעקֶענְט אָנְהוֹיבְּן דִי סְעוּדַת שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי אִיךְ וָואלְט גֶעלֶעבְּט אָן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ, אוּן מַיין וַוייבּ זָאל אֲפִילוּ נִישְׁט כַאפְּן וִוי אַזוֹי דִי הוֹיז הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיימְגֶעקוּמֶען, אוּן וִוי לַאנְג אִיךְ הָאבּ גֶעוַוארְט אוֹיף אִיר מִיט סַבְלָנוּת אַז זִי זָאל זִיךְ קֶענֶען אָפְּרוּעֶן אַבִּיסְל, אוּן זִי וֵוייסְט נִישְׁט וִוי שְׁטַארְק אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן אוֹיף זִיךְ, נִישְׁט זִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, נָאר דוּרְכְ'ן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין יֶעדְן מַצָב.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן אָנֶעם רֶבִּי'ן, וִוי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אָן אִין זֵייעֶר לֶעבְּן אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים; וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה אוֹיף טְרִיט אִין שְׁרִיט? וִוי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ רוּאִיג, מֶען וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן?

אָפְּגֶערֶעדְט אִין שְׁטוּבּ - אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ לֶעבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן, נָאר אַז מֶען הָאט דִי עֵצוֹת פוּן צַדִיק, דִי חִיזוּק פוּן צַדִיק; מִיט אַ צַדִיק אִיז דָאךְ אַזוֹי גוּט, אַזוֹי גֶעשְׁמַאק; דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, דִי וַוייבּ, דִי קִינְדֶער - אַלֶעס אִיז אַזוֹי גוּט.

זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט אַלֵיינְס צוּגֶעגְרֵייט אַלֶעס אוּן גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה; וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס קוּקְט מִיט רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי וַוייבּ, עֶר פַארְשְׁטֵייט אַז זִי דַארְף זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן פוּן אַ גַאנְצֶע וָואךְ, עֶר זוּכְט נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, נָאר צוּ רַאטֶעוֶוען דִי מַצָב.

יֶעצְט וֶוען דוּ זֶעסְט זִיךְ נָאךְ אַזַא מַעֲשֶׂה בְּלַייבְּט אִיבֶּער אֵיין זַאךְ: 'וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, חִיזוּק אוּן שֵׂכֶל אִין אַנְדֶערֶע?' וַוייל דִי מַעֲשִׂיוֹת פַּאסִירְן דָאךְ בַּיי אַלֶעמֶען; אַז נִישְׁט פוּנְקְט דִי מַעֲשֶׂה - פַּאסִירְט עֶנְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת, אוּן וִוי אַזוֹי קוּקְט אוֹיס אַ שְׁטוּבּ וָואס הָאט נִישְׁט דִי הַקְדָמוֹת פוּן רֶבִּי'ן? וִוי אַזוֹי עֶנְדִיגְט זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה בַּיי זֵיי...? דַארְפְן מִיר וָואס מֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"ש, לִיכְטִיג מַאכְן אַנְדֶערֶע שְׁטִיבֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִשְׁפָּטִים תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< לעבנס געשיכטע פון רבי'ן

דֶער עִיקָר צַייט פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז בַּיינַאכְט, וַוייל בַּייטָאג אִיז דָאךְ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פַּארְנוּמֶען מִיט דִי טִירְדוֹת הָעוֹלָם, מֶען הַאנְדְלְט אוּן וַואנְדְלְט אוּן מֶען אִיז זֵייעֶר פַּארְנוּמֶען מִיט הַבְלֵי עוֹלָם הַזֶּה, מִיט וֶועלְטְלִיכֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן דָאס שְׁטֶערְט פוּן זִיךְ קֶענֶען אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל זַיין נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין אִיז נִישְׁט פַּארְנוּמֶען מִיט דִי זַאכְן, אָבֶּער דָאס וָואס דִי אִיבְּרִיגֶע מֶענְטְשְׁן טוּעֶן דָאס יָא, דָאס שְׁטֶערְט אִים אוֹיךְ פוּן אַ גֶענְצְלִיכֶע בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶער עִיקָר פְּלַאץ פַאר הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן אֲפִילוּ בַּייטָאג. וַוייל אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַּארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן אִין לוֹיף פוּנֶעם טָאג, וֶועט זַיין שְׁוֶוער זִיךְ מְבַטֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף אַזַא אוֹפָן, עֶר פַארְגֶעסְט פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן פוּן דִי וֶועלְט, אוּן עֶר הוֹיבְּט זִיךְ אָן צוּבִּיסְלֶעךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הוֹיבְּט אָן מִיט אֵיין שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲוָה אוּן שְׁלֶעכְטֶע מִדָה, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ לַאנְגֶע צַייט אוֹיף דֶעם אַז עֶר זָאל דָאס זוֹכֶה זַיין מְבַטֵל צוּ זַיין, אוּן דֶערְנָאךְ גֵייט עֶר וַוייטֶער צוּ אַ צְוֵוייטֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייט וָואס עֶר שְׁמוּעֶסְט אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט בִּיז עֶר וֶועט פָּטוּר דֶערְפוּן, אוּן אַזוֹי גֵייט עֶר וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, בִּיז עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן בָּטֵל נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֶוערְט נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס אִיז דֶער מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת, דֶעמָאלְט וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ מִיט דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעמָאלְט אִיז מֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם תַּכְלִית, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶוערְט דוּרְךְ אִים אוֹיךְ אַ מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת, וִוי אוֹיבְן עֶרְקְלֶערְט.

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעטַייטְשְׁט מִיט דֶעם דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ג', ה') הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה, אַ אִיד אִיז אוֹיף בַּיינַאכְט אוּן עֶר מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, וְהַמְּהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ יְחִידִי, וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט אַז עֶר גֵייט בַּיינַאכְט אוֹיף אַ וֶועג אַלֵיין אוּן שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְהַמְּפַנֶּה לִבּוֹ, עֶר לֵיידִיגְט אוֹיס זַיין הַארְץ פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן פוּן דֶער וֶועלְט, לְבַטָּלָה, צוּצוּקוּמֶען צוּ אַ גֶענְצְלִיכֶע בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֲרֵי זֶה מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ, קוּמְט עֶר צוּ צוּ דֶעם אַז עֶר וֶוערְט אַ מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת, וַוייל עֶר מַאכְט אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּזַאמֶען מִיט אִים זָאלְן נִכְלָל וֶוערְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז דֶער מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת.

וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהֶערְט דִי זִיסֶע אוּן הַארְצִיגֶע רֵייד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאבְּן זַיינֶע גֶעפִילְן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעגָאסְן אַלֶע בְּרֶעגֶעס, עֶר אִיז מַמָּשׁ אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן הִתְרַגְשׁוּת אוּן אִיבֶּערְגֶענוּמֶענְקֵייט, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר וֶוערְט אוֹיס, עֶר אִיז בָּטֵל וּמְבוּטָל, עֶר הָאט נָאר גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן, "גֶעוַואלְד! אִיךְ וִויל לוֹיפְן אִין דִי גַאסְן אוּן שְׁרֵייעֶן גֶעוַואלְד! וָואס טְרַאכְטְן זֵיי?!"

פוּן גְרוֹיס הִתְרַגְשׁוּת אוּן הִתְלַהֲבוּת הָאט עֶר זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, עֶר הָאט טַאקֶע גֶעוָואלְט לוֹיפְן אוּן שְׁרֵייעֶן אִין דִי גַאסְן. דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער אָנְגֶעכַאפְּט אוּן גֶעזָאגְט, "שְׁטֵיי, דוּ וֶועסְט נִישְׁט פוּעֶלְ'ן!"

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל - בנשיאות ראש הישיבה שליט"א

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א**

מנהל כללי דמוסדותינו הקדושים

**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**

**הבחור החשוב ישעי' ני"ו**

ר' אברהם משה איז דער בריח התיכון פון אונזערע הייליגע מוסדות; נאר א דאנק זיין געוואלדיגע מסירת נפש די אלע יארן, מיום הווסדה ועד עתה, האבן זיך די מוסדות אוועקגעשטעלט אזוי שיין לשם ולתפארת. דער אייבערשטער זאל העלפן אז די געוואלדיגע זכותים זאלן אים ביישטיין און ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט, און ער זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט זיין הייליגע ארבעט

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## מען גרייט זיך צו ענדיגן דעם מקח פונעם בנין "קרן הדפסה היכל הקודש"

גאר פרייליכע נייעס קומט אריין פון די אפיסעס פון "קרן הדפסה היכל הקודש" אז אין געציילטע וואכן גייט מען שוין ענדיגן דעם מקח אויפ'ן נייעם בנין, אויף וואס מען קוקט שוין אזוי שטארק ארויס פאר די לעצטע האלבע יאר, כדי צו קענען מרחיב זיין גבולי הקדושה ביתר שאת וביתר עז.

יעצט אז מען האלט שוין ברוך השם דא, בעט מען אנשי שלומינו זאלן אנטקעגן קומען די עסקנים פון "קרן הדפסה" און געבן פאר דעם גרויס צדקה, ווייל עס פעלט נאך ארום הונדערט טויזענט דאלער צו קענען שליסן דעם דיעל.

אין דעם בנין וועט מען מיט אייבערשטנ'ס הילף נאך פיל מער פארברייטערן די הייליגע ארבעט פון דרוקן און פארשפרייטן די הייליגע ספרים. יעצט האט מען די איינמאליגע געלעגענהייט צו קויפן א זכות אין דעם בנין, און די אלע הפצה אקטיוויטעטן וואס וועלן ארויסקומען פון דעם נייעם בנין וועט גיין אויף אייער זכות.

א צייט צוריק האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן א בריוו אין וואס ער בעט אנשי שלומינו אנטייל צו נעמען אין די קויפן דעם בנין, אט איז אויסצוגן פון דעם בריוו: "הודו לה' כי טוב אז מיר זענען אריין אין קאנטראקט צו קויפן א גרויסער בנין פאר קרן הדפסה היכל הקודש, וואו מען וועט פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס ליכטיגקייט פאר די גאנצע וועלט. איך בעט אייך אלע, נעמט א חלק אין די מצוה; זייט א שותף אין די הייליגע ארבעט. טייערע חברים תלמידי היכל הקודש, נעמט א חלק אין די גרויסע ירושה, נעמט א חלק אינעם נייעם בנין לקרן הדפסה וואס מוהרא"ש האט אונז איבערגעלאזט. מוהרא"ש שרייבט אפאר טעג פאר זיין הסתלקות: איך האב איבערגעלאזט א ירושה 'שאלות ותשובות אשר בנחל' זיבעציג טויזנט בריוו, בעט איך אלע אנשי שלומינו, העלפט מיר דרוקן אלע בענדער אשר בנחל, יעדער זאל נעמען א באנד צו דרוקן, "וזה הירושה היחידית שהשארתי ממני", דאס איז די איינציגסטע ירושה וואס איך לאז איבער נאך מיר; זאלסטו העלפן דרוקן אשר בנחל, וועסטו האבן א חלק אין די ירושה".

רופט אריין און נעמט א שותפות אינעם בנין **718-387-2691** עקסטענשאן **103.**

**פתח לנו שער בעת נעילת שער!**

***

## תלמוד תורה היכל הקודש אין ירושלים עיה"ק, צייכנט אפ א חודש

די וואך צייכנט מען אפ א גאנצע חודש זייט די עפענונג פונעם תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב אין ירושלים עיה"ק. עס איז גאר גרויס די פרייד ביי תלמידי היכל הקודש אז מען איז אנגעקומען צו דעם מאמענט.

מען דערקענט אויף די קינדער די געוואלדיגע שינוי לטובה נאכ'ן לערנען בלויז איין חודש אין תלמוד תורה היכל הקודש; די שטארקע און קלארע אמונה מיט וואס זיי לעבן, אלעס דרייט זיך ארום מיט תפלה, די מידות טובות און ליבשאפט צו מצות, די דרך ארץ און כיבוד אב ואם, זעט זיך אן אויף טריט און שריט. די זיסע עצות פון הייליגן רבי'ן איז פאר יעדן איינעם, פון גרויס ביז קליין.

דער הייליגער רבי האט געזאגט, "אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך געטון", מיר געבן איבער פאר די קינדער און אייניקלעך די זיסע און שיינע לעבן וואס מיר האבן באקומען פון הייליגן רבי'ן.

**כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו!**

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **יענקי וויזל** ני"ו

צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג

## זייט מתפלל!

פאר ר' **יצחק** בן **פייגלא**

**פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב**

## משנכנס אדר מרבין בשמחה

**דאס יאר האבן מיר צוויי אדר'ס צו זיין פרייליך, ווי אזוי ווערט מען אבער פרייליך? ווי אזוי קען מען זיין אמת'דיג גליקליך און צופרידן?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 1, 94**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**